The Daily Hebrew Journal

# דער אידישער זשורנאַל

A JEWISH CANADIAN DAILY Circulated All Over CANADA And Abroad

פּאָליטיש אומאפּהענגיג נאציאנאַל

א צייטונג וועלכע גיט פרייהייט פון אויסדרוק צו אַלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7737 | Sunday, November 29th, 1930 | יום א׳, י״ט כסלו. פּרשה וישב. תרצ״ב. | טאָראָנטאָ, זונטאג דער 29-טער נאָוועמבער. 1931. | PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY DEC 7 1931

N. Y. Public Library 476 Fifth Ave NEW YORK

# 7 ווייס-רוסען אויפגעהאנגען אין באראנאוויטש פּוילען, אלס שפּיאָנען

## אינדישע רונדע-טיש קאָנפערענץ אויפגעלייזט; גאנדהי רעדט וועגען פּאַסיווען ווידערשטאנד

לאָנדאָן, נאָוו. 28.

די אינדישע רונדע טיש קאָנפערענץ איז ענדליך היינט פולשטענדיג אפּגע-בראָכען געוואָרען, נאָכדעם ווי די „פּע-דעראַל סטרוקטור קאָמיטע" (די קאָמי-טע וועלכע האָט געזאָלט אויסארבייטען אינדיע׳ס קאָנסטיטוציע), האָט אויפגע-לייזט איהרע זיצונגען.

דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע, לאָרד סענקי, האָט אין זיין שלום-רעדע דערקלעהרט, אז די מעמבערס פון דער קאָמיטע דאַרפען ניט פאַרצווייפעלט ווע-רען, ווייל א פעדעראַלע אינדיע איז איצט זעהר מעגליך. ענגלאַנד מוז אויפהאַלטען דעם קאָנטראָל איבער אינדיע׳ס פינאַנ-צען, האָט לאָרד סענקי געזאָגט, ווייל אנ-דערש וואָלט געפאַלען דער אַלגעמיינער צוטרוי.

שבת איז פאָרגעקומען די פּלענאַר-סעסיע פון דער פולער קאָנפערענץ (ניט בלויז פון דער קאָמיטע) און 41 רעדנער ...

קאָנפערענץ, גרייט זיך שוין צו אוועק-פאָהרען מיטוואָך. ער וועט פאָהרען קיין זשענעוואַ, שווייץ, וואו ער וועט זיך טרע-פען מיט ראָמען ראָלאַנד, און וואו ער וועט מעגליך אויך אדרעסירען א פרידענס פאַרזאַמלונג. דערנאָך וועט ער תיכף אָפּפאָהרען קיין אינדיע.

„יאָ, די טשוירטשילס האָבען גע-וואונען", האָט ער געזאָגט, „אָבער זייער זיעג וועט זיי טייער קאָסטען". פאָרזי-כערענדיג, אז ער וועט איצט ווידער באַ-נייען זיין פּאַסיווען ווידערשטאַנד, האָט ער דערקלעהרט, אז די מיליאָנען אינדיער וועלען איצט ווידער ליידען ביז זיי וועלען באַקומען זייער פרייהייט.

„קיין אַרמיי, קיינע באָמבאַרדירענדע טאַנקס, קיינע עראָפּלאַנען און קיינע מאַ-שין-ביקסען, קענען זיי איבערשרעקען", האָט ער פאָרענדיגט.

## 7 ווייס-רוסען אויפגעהאנגען

אלע 7 זענען שבת פריה אויפגעהאנגען געוואָרען. — פּויל-ישער פּרעזידענט האָט זיך אנטזאָגט צו באַגנאַדיגען זיי. נעכטען איז אַן אוקראַינער אין לוואָוו אויך פאַר׳משפט געוואָרען צום טויט. — 16 אַנדערע פאַר׳משפט צו לאַנ-גע תפיסה טערמינען. אין פּוילען איז אומרוהיג.

וואַרשע, נאָוו. 28.

## מעיאָר הוד פון מאַרשאַל באַפט בעצטע מפּלה פון ... פּאָליצי-טשיף

## הינקלעה האָט דורכגעשפּאַנט דרום אַטלאַנטישען אָקעאַן

## יונגע מאָטאָר-מערדערין קריגט 14 יאָר אין קינגסטאָן פּעניטענשערי

## טאָראָנטאָ׳ער פרוי געווינט $100,000

## וועבב ווידער דערוועהלט אַלס מעיאָר פון וויניפּעג

## מיליטאַריסטען צושטערען פרידענס-פּראָגראַם

## קאָנגרעסמאַן דיקשטיין וועט קעמפען פאַר לייכטערע איינוואַנדערונג

## מיינונגספאַרשיידענהייט אין דייטשלאַנד וועגען די „נאַצי" דאָקומענטען

## יאַפּאַנעזישע סאָלדאַטען ווערען ביסלעכווייז צוריקגעצויגען פון מאַנדזשוריע

## אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטאַנטען אין שפּאַניען

## אַלטע טעאַטער-מאַגנאַט, פּענטיידושעס באַפרייט געוואָרען

## נאַציאָנאַלע קאַנאַדער הלואה שוין באַלד געשאַפען געוואָרען

## האָראָוויץ׳עס פאַרמעגען איבערגעלאָזען פאַר זיין פרוי, קינד און א ברודער

## קובאַנער רעגירונג גרייט צו דעפּאָרטירען מאַסען קאָמוניסטען

## פּרעמיער בענעט ביים קעניג

# היינט זונטאג הויבט זיך אָן דרוקען אונזער נייער ראָמאַן „אויפ׳ן גלימשיגען וועג"

